## דער זילבער שמעלצט זיך *

מיין גאָט, ס׳ציטערן אונטן די פיש און די שטערן אויבן
נישט בלויז אין דער דראָענדער זון פון ימים נוראים:
דער זילבער פון דיינע הימלען צעשמעלצט זיך
אין דער געהעכערטער טעמפעראַטור פון חולאים.

38, 39, 40, פערציק מיט אַכט
זענען טרעפּ, וואָס שטייגן אַרויף אַרויף צו דיר,
און קראַנקע זענען זיכער, אַז זיי ליגן ביי דיין האַרץ,
און זיי וויינען אַריין אין דער נאַכט...

זיי רייסן אָפּ די אויגן פון טערמאָמעטער,
קוקן בלאָנדזשענדיק אין פענצטער, זוכן, נישטערן אויף דער וואַנט
און כאַפּן ווי טרינקענדע זיך אָן אין דיין האַנט...
שטייסטו,הערסט ווי עס רוישט היץ און געשריי און דאָרשט און בראַנד.

אַנען די קראַנקע, אַז זיי ליגן ביי דיין האַרץ
און וויינען אין דער נאַכט און פאַרגיסן די שרעק.
- - - - - - - - - - - - -   -
נאָר טיילמאָל גייסטו, גאָט, שטומערהייט אַוועק
און אָן גרוס פאַרהאַקסטו הינטער זיך די טיר.

---

היַינט (וואַרשע)
27, נומ׳ 52, מאַרץ 2 , 1934, ז׳6

* דער באַוואוסטער יידישער דיכטער ישראל שטערן איז איצט שווער קראַנק,
און בעת זיין קראַנקהייט האָט ער אָנגעשריבן דאָס דאָזיקע פּרעכטיקע ליד,
וואו ער ברענגט צום אויסדרוק די שטימונג פונעם קראַנקן מענטש.